# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

Subscription Price
50 cents a Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

NOVEMBER, 1924
VOL. VI. No. 3

## "BEHOLD A VIRGIN"

### (Isaiah 7:14)

Although God did not speak very plainly to Adam and Eve about this deliverer, yet Eve seems to have understood Him. She seems to have grasped the thought of God concerning the Messiah, that the latter must be Jehovah, born in the flesh, born of a woman. This we see from her own words for in Gen. 4:1 we read: "And Adam knew Eve his wife and she conceived and bore Cain and said, I have gotten a man" and then she proceeds to describe who this man is, "A man who is Jehovah." Eve made a mistake when she believed that the man who is Jehovah should be born of her. She did not know that God had determined the birth of the Messiah to be far away in the future. When therefore she gave birth to the second son, she called him Abel, vanity, for her hopes had proved vain. The first son was her pride because she deemed him to be Jehovah, but the second was to her mind vanity. You may think what you like, dear reader, but you must admit that these words taken in their simplicity, cannot be explained in any other way. We see then that in this early promise lay the hope of a righteous Redeemer who should be born of a woman. As the fall came from woman, the redemption from the fall was also to come from her. But God did not reveal to Eve the time when the Messiah was to come, nor how He should look nor what He should do and suffer. At that time it was too early to speak of Him in detail. But the nearer we come to the time of His birth the clearer God reveals in the Scriptures the details of Messiah's person and work, so that no man of intelligence could help but see in Jesus of Nazareth the Messiah promised of God.

The promise of God to Adam and Eve was short and hidden, but after a while His promise grew in clearness. To Abraham He said: "In thee and thy seed all the families of the earth shall bless themselves," Gen. 12:3, and again in verse 18 "In thy seed all the nations of the earth shall be blessed." Then also we read: "In Isaac shall thy seed be called," (Gen. 21:12), that is, the seed promised to Eve shall come from Isaac and not from Ishmael. Later on God promised the same blessing to Isaac, "And in thy seed shall all the nations of the earth be blessed." (Gen. 26:4). Isaac transfers the promise to Jacob, Gen. 27:29, and God confirms this blessing unto Jacob, Gen. 28:14. He shows him in a dream the ladder reaching from earth to heaven. This is a type of the Messiah who shall unite earth with heaven, man with God. Here God says again that in Jacob's seed all the families of the earth will be blessed. So we know that from Jacob's line the Messiah shall come forth. Then we find in Gen. 49:10 that Jacob transfers this blessing to Judah his son and gives him a time limit in which he should expect the Messiah. "The Scepter of Judah shall not be taken away nor a lawgiver.... until Shiloh comes and unto him shall the gathering of the nations be."

Just here we will tarry a moment and see how wonderfully God points to Messiah's person long before His coming. Many inquire why it is that God calls the Messiah by the name of Shiloh. Almost all commentators agree that Shiloh is the Messiah,, but why is He called by this name. The reason seems to me to be as follows: When we examine the first promise to Adam and Eve that the seed of the woman shall bruise the serpent's head we see that the main object of Messiah's coming is to weaken and finally to destroy the power of Satan over man. Hence it is quite natural that Satan does not like to hear of Him through whom he, the satanic majesty, is thus to be treated. This is the reason why the name of Jesus is so hated among the Jews. Jesus has never done them any harm, why should they hate Him? But it is not the Jews themselves, it is Satan who stirs up their hearts to hate Him, for if they accept Him, Satan will be undone. When Jacob therefore gathered his twelve sons to reveal to them Jesus the Messiah, he saw in spirit that Satan would be full of wrath when the name of Jesus, the bruiser of his head, was mentioned, and being afraid that his children too would be stirred by Satan to hate and insult Him, he is moved by the Holy Spirit to veil the things concerning Jesus under the one word Shiloh. But according to the custom of the fathers to explain words after the initial letters we find in the letters of Shiloh, "Jesus of Nazareth who was to be crucified." Then also the initials spell out according to Ps. 72:17, "His name shall be continued as long as the sun." (These interpretations are only intelligible to the studnet of Hebrew).

Now we will return to the subject of Jacob's prophecy; "The scepter shall not depart from Judah until Shiloh come." Here God wants to say that the kingdom of Judah shall last until Messiah comes.

A similar prophecy is the one in Mic. 5:3; "Therefore he will let them alone until she which travaileth hath brought forth," where the prophet, who was the contemporary of Isaiah, speaks of the Messiah. This we know from verse 2 where he says: "But thou Bethlehem Ephratah, though thou be little among the thousands of Judah, yet out of thee shall he come forth unto me that is to be ruler in Israel, whose goings forth have been from of old, from everlasting." The Messiah accordingly is to be born in Bethlehem, because it belongs to Judah. And although He who is called "ruler" must be born, yet we are told that His going forth is from everlasting, just as Christ said to our ancestors in Jerusalem: "Before Abraham was I am" Then in the next verse we read: "Therefore will he let them alone until the time that she which travaileth hath brought forth." This is the same promise God gave through our father Jacob, that the Kingdom of Judah should continue until the Messiah came or in Micah's words, "until she had brought forth," that is, given birth to the Messiah.

(to be continued)

## היהפך כושי עורו

(ירמיה י"ג)

אלול איז שוין פערפאלען
נישט מעהר דאס שופר שאלען
מיט סליחות איז שוין אן עק
ראש השנה שוין אוועק

אין שוהל געהן איז שוין ניט כדאי
נור זינד הויבט זיך אן אויפ'ס ניי
יא, מ'איז געוואהנט צו זינדען
מ'איז דערצו צוגעבונדען.

דער כושי בלייבט אייביג שווארץ
ביים מענש בלייבט א זינדיג הארץ
נור גלויבען אין משיח
בעשאפט א נייעם רוח (יוחנן ג)

נישט מעהר פארדארבענע זינד
ווייל דורך איהם ווערט מען גאט'ס קינד.

**BETH SAR SHALOM**

**Williamsburg Mission To The Jews**

**Throop Avenue and Walton Street**

**Brooklyn, N. Y.**

**OUR MEETINGS:**

**Friday, Gospel Service........8.00 P. M.**
Sunday, Gospel Service........8.00 P. M.
Monday Testimony Service........8.00 P. M.

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10-11

# רעה ישראל

והקמותי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאט'ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

Subscription Price
50 cents a Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

NOVEMBER, 1924
VOL. VI. No. 3


## א בריוועלע פון משיח איז באכארא

דיא צייטונגען האבען פאר איינינע וואכען צוריק פובליצירט א זעהר אינטערעסאנט שטיקל נייעס, נעהמליך, אז די אידען אין באכארא (א טייל פון פערזיען, איצט אונטער סאוויעט רוסלאנד) האבען א שטארקען בעוויז אז משיח וועט באלד קומען: והא ראיה: ער האט זיי צוגעשיקט א ידידי בריוועלע אין לשון קודש.

דארט אין באכארא איז פאראן אן אלטער וואולקאן וועלכער האט זייט דור דורות פון זיך ניט געלאזט הערן אויף דעם אופן ווי אנדערע וואולקאן טהון. איצט אבער האט דערזעלבער וואולקאן אנגעהויבען פון זיך ארויסצוגעבען א שווערען רויך וועלכעס די תושבים פון באכארא בעטראכטען אלס א פארברייטונג אז ער וועט ווידער אנהויבען צו שפייען מיט פייער, און ווען דאס וועט זיין דער פאל, איז עס ביי זיי א טראדיציע אז דער משיח וועט באלד קומען.

אלס צוגאב צו דיעזען סימן, האט מען דארט געפונען א טויב מיט א בריוועלע צוגעבונדען אונטער די פליגעל מיט אונפארשטענדליכע העברעאישע ווערטער.

די רבנים פון דארט האבען אבגעהאלטען א קאנפערענץ און אנגעהויבען צו דעסציפירען דיעזע געהיימניספאלע ווערטער אום אויסצוגעפינען דעם אינהאלט דאפון. דיעזע סמנים האבען שטארק אויפגערעגט די אידען פון יענער געגענד: עס איז געווען "ליהודים" .... מ'האט געטאנצט און געשפרונגען, בכן, דער משיח וועט באלד קומען.

דאס איז אייגענטליך קיין נייעס, ווייל עס זיינען שוין געווען אסאך אזאלכע שמחות צווישען אידען.

קען מען דען געניג שילדערן די שמחה וואס אידען האבען געהאט ביים אנקומען פון פאלשען משיח "בר כוכבא" (118 יאר נאך דער קריסטליכער צייטרעכנונג) ווען הונדערטע טויזענדע אידען האבען איהם נאכגעפאלגט און זיינען אויסגעקוילעט געווארען פון דער רוימישער ארמיי. נאך עד היום עהרען אידען דעם נאמען פון בר כוכבא. שרייבערס ציינען זעהר אפט אהין מיט'ן פינגער פון ריהמעריי צו דעם גרויסען בר כוכבא און בעצייכנען איהם אלס גבור, און אלס העלד.

עס זיינען זויגאר פאראנען אידישע קלאבס אונטער דעם נאמען "בר כוכבא"! אבער עהרליכע און פרומע אידען וועלכע האבען געהאט מעהר גייסטיגע חכמה אלס דער איינפאכער אידישער המון, האבען אפילו דעם טאג געשאלטען אין וועלכען בר כוכבא איז געבוירען געווארען, ווייל ער האט זיי בעטראגען און פערפיהרט. און האבען איהם גערופען "בר כוזבא", ד"ה, א ליגנער.

אבער אידען אין אלגעמיין בעקומערן זיך לגמרי ניט וואס עהרליכע אידען דענקען און טהון. זיי נעמען זיך פון זיי קיין ביישפיעל, ווייל זיי האבען זייערע אידעאליסטישע סענטימענטאלע דענקער, שרייבער און פיהרער, און ווען יענע זאגען אז בר כוכבא איז געווען א גבור, כאפט מען דעם נאמען אויף, און מ'ציינט אהין חוצפה'דיג, באשר, מיר האבען אויך געהאט א גרויסען העלד.

דאן איז געקומען אן אנדערער תכשיט מיט'ן נאמען "שבתי צבי" (אין 1651) וועלכער האט זיך אויך אויסגעגעבען אלס משיח. אויך אין איהם האבען א מאסע אידען געגלויבט און גרויסע צרות זיינען געווען די געוועהנליכע פאלגען. אוים מאנגעל אין פלאץ קענען מיר ניט אלע דא ציטירען. אידען זיינען אבער געבענשט געווען מיט איניגע 25 אזאלכע חברה וואס האבען געברענגט שאנד און פערניכטונג צו דער אזוי־אויך פיעל געפלאגטער אידישער נאציאן: און דאך, מערקווירדיג, אידען האבען זיך אימער געהאלטען ביי זייער כאראקטעריסטישען עקשנות און טעמפעראמענט, נעמליך: אויפצוכאפען די פאלשקייט און פינסטערניש מיט גרויס ענטהוזיאזמוס און מיט גרויס שמחה: אבער ווען ישוע המשיח איז געקומען וועלכער איז דער אמת'ער גואל ישראל על פי התורה והנביאים, דעם האבען אונזערע עלטערען על פי טעות ליידער פארווארפען.

ישוע המשיח האט אבער נאך צופאר געזאגט אז ס'וועט אזוי זיין. אין מתתיהו כ"ד זאגט ער: "זעהט אז קיינער זאל אייך נישט פערפיהרען, ווייל פיעלע וועלען קומען אין מיין נאמען און זאגען: איך בין דער משיח און וועלען פיעלע פערפיהרען".

ווערטהע לעזער. ווען עס זאלטע ניט זיין קיין אנדערע בעווייזע און איבערצייגונג אז ישוע איז דער משיח: ווען עס זאל חלילה קיין תנ"ך זיין אין דער וועלט וואס זאל אונז אהין ווייזען מיט כל'ערליי סמנים אז ישוע איז דער משיח, קענען מיר זיך אויך זיכער איבערצייגען אליין פון די אויבען־דערמאנטע ווערטער פון ישוע המשיח, אז ער איז דער גואל ישראל. עס איז פונקט אזוי געשעהען וויא ער האט געזאגט, פיעלע פאלשע משיחים זיינען טאקע געקומען און פערפיהרט אידען עד שאול תחתיה.

מיר אידען באריהמען זיך מיט אונזער גרויסער חכמה: מיר זיינען געוואוינט צו דענקען אז די גאנצע חכמה פון דער וועלט שטעקט אין אידישע קעפלעך. וויאזוי קענען אבער אזאלכע באהויפטונגען הארמאנירען מיט די אויבען דערמאנטע היסטארישע פאקטען וועלכע ציינען פונקט פערקערט?

די אמת'ע קריסטען וואס גלויבען אין ישוע המשיח ווייל די נביאים האבען איבער איהם אזוי געשריבען, זיי האבען יא די ריכטיגע חכמה, ווייל די הויפט חכמה פון מענש איז: "ראשית חכמה יראת ד'". די וואס גלויבען אין ישוע המשיח האבען מורא פאר גאט און ווילען ניט זיינע ווערטער צו קליין געלד מאכען.

גאט ב"ה האט פיעלע מאל אנאנסירט דורך די הייליגע נביאים אז ישוע איז דער אמת'ער משיח. אדרבא לעזט אין בראשית מ"ט, 10. שמות כ"ג. דברים י"ח. תהלים ב. משלי ל. ישעיה ט. ישעיה נ"ג. ירמיה כ"ג. זכריה ט. וועט איהר אויך זעהן דעם ריינעם אמת! ועל כלם, האבען דאך טויזענטער אידען געהערט ווי גאט האט פון הימעל אויסגערופען וועגען ישוע המשיח: "זה בני ידידי בו רצתה נפשי אליו תשמעון". (מתתיהו י"ז) און דיזעלבע ווערטער העהרען מיר פון גאט ב"ה אויך דורך משה רבינו אין דברים י"ח: "אליו תשמעון!", ווייל זאנסט, זאגט דארט גאט: "אנכי אדרש מעמו". אוי, פאדערט עס נעביך גאט פון אונז!.

ווערטהע לעזער. ווילט איהר אייך ניט בעסער קעהרען צו גאט און צו זיין ווארט און יא גלויבען אין ישוע המשיח, און יא זיין פון די יחידי סגולה וואס זיינען גליקליך דורך איהם?

מיר האבען אייך דא פארגעלעגט דעם ריינעם אמת. יעדער מענשליכער פערשטאנד קען דאס בעגרייפען. איהר וועט אויך לייכט קענען זעהן די פאלשקייט פון יענע וואס ווילען עס ניט איינזעהן און ניט גלויבען, נייערט האלטען זיך פעסט אין דער פינסטערנים.

קומט ארויס פון דעם ענגען דונקעלען צירקל צו דעם הערליכען ליכט אין ישוע המשיח וועלכער איז דאס "אור העולם". (יוחנן ח).


**Entered as second class matter April 14, 1922 at the Post Office at Brooklyn, N. Y. under the Act of March 3, 1879.**